פרייז 25 גראשען XIV-טער יאָהרגאַנג „Opłata pocztowa uiszczona gotówką" „Radomer-Kielcer Leben" 5 (650) היינט 10 זייטען

Radom, dnia 29 Stycznia 1937 r.
ראָדאָם, פרייטאָג י"ז שבט תרצ"ז
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען



פאַראַווע פאַרבערײַ
און כעמישע פּראַלניע
A.
HEMPEL
פאַבריק און צענטראַלע אַלטע שטאָדט 7
פיליעס:
זשעראמסקי 1
זשעראמסקי 21
זשעראמסקי 59
טראַוגוטטא 11
קעלנער צו וואַשען צו 15 גר.



DR.
## Ł. ROZENBLUM
*akuszerja i choroby kobiece*
**przyjmuje od 10 do 12 rano**
**i od 4 do 7 wiecz.**
ul. Zeromskiego 5 tel. 16 - 30



## Dr. S. HERTZ
przeprowadza się
**z Żeromskiego 2**
**na MLECZNĄ 4**
Przyjmuje od godz. 8 — 10 rano i od 4 — 8 wiecz. TEL. 13-90


## קאנקורס.

דערמיט זענען מיר מודיע אלע סטאלארעס דאָס שבת דעם 30 קומט פאָר

## א עפענטליכער קאנקורס

**אויף מאכען רעקלאַמע-שענקעלטך — אין אייגענעם לאָקאַל.**

באַקענען זיך מיט די פרטים פון דער פאַראָרדנונג קען מען טעגליך אין סעקרעטאַריאַט. אָפערטען ווערן אָנגענומען אמשפעטסטען ביז שבת 6[30] אָוו.

**צענטראַלער דעטאַליסטען און קלײַנהענדלער-פארבאַנד**
אין ראָדאָם זשעראמסקי 21.

## אויפפאָדערונג.

איך פאָדער אייך אויף ה' **שמשון גוטמאַן** אז איהר זאָלט מקיים זיין דעם פסק פון עהרען-געריכט, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די ה"ה **בנימין הורוויץ** און **יעקב אָסוב.**

איך פאָדער פון אייך, איהר זאָלט אויספיהרען דעם פסק אין משך פון 8 טעג. אין געגענפאַל, וועל איך אייך צו ציהען צו געריכטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט.

**ישעי' מענדעל ראוזענבלאַט.**

שבת דעם 30 ה. מ. 7 א זייגער אָוו.
קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל טראַוגוטטאַ 55

## יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט דער באַטייליגונג פון פרעזידיום-מיטגליד פון צ. ק.

## ח' אדוו. באָריס אלאמיצקי
פון ווארשא

קאָמיטעט פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער אָרג.
אין ראדאם


Jedynie **IDEAL JAWA**
z DZWONKIEM
**jest prawdziwą opatentowaną domieszką do kawy z aromatem czekoladowym.**



ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײַע גאַרדעראָבעס, שנײַ-ווײַסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער באַקאַנטער
כעמישער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע

## A. HEMPEL

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט
פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט.
ביליגע פרייזען! פינקטליכע אויספיהרונג
סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל. 70 - 19
פיליעס: זשעראמסקי 1, טראַוגוטטא 11
זשעראמסקי 21, זשעראַמסקי 59.

# אידישע פרוי געפרוירען געוואָרן אויף טויט.

## אפשר וועט זיך ראדאם אביסל צו=איילען מיט טיילען קוילען.

אויף דער נאכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאג איז אויף זאטילני 5 געפרוירען געוואָרען די פרוי שרה אסתר פעלדמאַן.

אין דעם ארימען שטיבעל, וואָס געפינט זיך אין א הויז, וואס ווערט אינטערגעלעהנט מיט דרענגער און קלעצער, איז שוין זינט עטליכע טעג נישט דערוואָרימט געוואָרען דאס קעכעל. די פרעסט האָבען געקנאַקט, דער ווינד האָט שיער נישט אומגעוואָרפען די גאנצע כאַטע און די ארימע פרוי האָט אזוי לאנג געציטערט פון קעלט און פראָסט, ביז זי איז פערגליווערט געוואָרען און איינגעשלאָפען אין א זיסען שלאָף אויף אייביג.

ווי לאנג וועלען די הינדערטער ארימע יודישע שטובען אין ראדאם ברויכען וואָרטען ביז מ׳וועט זיי צו-טיילען אביסל קוילען, כדי זיי זאָלען האָבען איינצוהייצען זייערע האלב-דרויסענדיגע „ווינטער פאלאַצען" מיט די שעהנע אויסגעמאָלענע שניי-ביימער אויף די פענסטער און ווענד?

פאַרוואָס זוימט מען מיט די קוילען-אַקציע? פיהלט דאָך היינט גוט יעדער איינער, אז ס׳איז דער אמת׳ער חודש שבט און נישט תמוז, טא אויף וואס יוארט מען?

---

## מיטוואָך די זיצונג פון דער פערוואַלטונג.

ווי מיר הערען, איז די קאָנסטיטואירענדע זיצונג פון דער נייער פערוואלטונג בעשטימט געוואָרן אויף מיטוואָך, קומענדיגע וואָך. אויף דער זיצונג וועלען געוועלט ווערען א פרעזעס מיט א וויצע-פרעזעס און אין די וואַהלען וועט זיך בעטייליקען הרב טייטעלבוים.

די ראַזיגע ענדערונג זאָל האָבען געקומען אלס רעזולטאַט פון אנ׳אינטערווענץ פון דער אָפּאָזיציע ביי דער מאכט, וועלכע האָט אזוי פעראָרדענט, אנערקענענדיג, אז רבנים זענען פאַרשריפטליך בערופען צו זיין אנוועזענד אויף דער ערשטער זיצונג פון די קהלה-פערוואלטונגען מיט שטים - רעכט.

## סימנים פון פערקיהלונג אין ווינטער צייט.

ס׳יואלט זיך געדאכט, אז א קאטאר איז נישט קיין וויכטיגע זאך, וועגען וואס ס׳איז נישט כדאי צו דערמאנען. דאך גיעט ער זיך גוט צו פיהלן. ווי נישט איינגענעהם איז א געשוואָלענע און רויטע נאז אין א קראנקען צושטאנד, דעמאלט ווען עס רינט פון דער נאז. דעמאלט פיהלט זיך דער מענש נישט גוט. דער קאָפּ טהוט וועה און ס׳בעפאלט אים א פוילקייט. א קאטאר איז אויך אנשטעקענד און דערפאר ברויך דער זעלבער אין אכט נעמענדיק זיין פאמיליע – אבהיטען זיך. מ׳ברויך בעקעמפען ענערגיש יעדען קאטאר, וואס קען זיין דער אנהויב צו א ערנסטער קראנקהייט פון פערקיהלונג.

אמבעסטען איז אין אזא פאל צו בענוצען דאס בעקאנטע און אויסגעפרובטע מיטעל „אספירין".

# גרינגשעצונג.

איך וויל פערעפענטליכען א פאקט, וואָס דערצעהלט וועגען א נישט-טאָלערירבארער, גרינגשעצענדער האַנדלונג פון דער יודישער שניידערין

**סאלאַ פעלדמאַן-פרידמאַן**, וויסאָקא 20.

מיט 4 מאָנאטען צוריק האָב איך איהר געגעבען צו מאַכען א קלייד, וואָס זי האָט צוגעזאגט אויסצופערטיגען הטכסטענס אין משך פון 3—2 וואָכן. עס זענען אָבער אוועק מאָנאָטען און איך מיט מיין שטוב-מיידעל זענען פשוט מיד געוואָרען געהענדיג צו איהר. די דאָזיגע אָבשלעפּונג׳ס-טאָקטיק האָט גענוג שאָקירט, אָבער איך האָב אויף דעם פערציכטעט. אונערטרעגליך איז דאָס געוואָרען, ווען ס׳האָבען זיך געשטעלט די גרויסע פרעסט און זי האָט גישט אין אָכט גענומען דאס און גלייכגילטיג זיך צוגעקוקט, ווי מיר געהען טאג-איין, טאג אויס אויף דער גרויסער קעלט א שפּאר שטיק וועגס, נישט ווערלענדיג פערטיג מאָכען און נישט וועלענדיג צוריק געבען. עס וועט אפשר נישט זיין קיין גוזמא צוזאָגען, אָז דאס געהן צו איהר לאָזט זיך אָבצעהלען בערך 50 מאהל.

ווען דאס שטוב-מיידעל האָט זיך געקלאגט פאר איהר, בעטענדיג זי זאָל אויף איהר רחמנות האָבען און זי נישט לאָזען אזוי פיעל מאהל לויפען אויף די פרעסט, האט זי איהר געענטפערט, אז איהר איז נישט קאלט, און, אָז די מאראָם זאל איהר דינגען א פאָוואו, זי זאל קומען צאָפּוהרען עקסטרע נאכ׳ן קלייד. ענדליך נאך אזא גרינגשעצונג און ציניש אויסלאָכען האט די דזשענטעלמענערישע שניידערין, ערשט בעוויליגט אומצוקוקען דאָס קלייד נישט געמאכטערהייט, וואס ליגענדיג אזוי לאָנג, איז אוש פערלוירען געגאָנגען א שטיקעל ארבעל. איך בין איהר אָבסאָלוט נישט חושד, אז זי האט דאס צוגענומען און איך מאהן מיך נישט צוריק. איך וויל בלויז איבערגעבן די האנדלונג איהרע געגען א קליענט מיט וועמען זי האט קיינמאהל נישט געהאט קיין יא. אדער ניין דורך א צייט פון 5 יאהר (דעמאלט האט זי זיך נאך נישט אזוי גרויס געהאלטען) און וועלכע האט נאר בלויז געהאט דעם בעשיידענעם פערלאנג זי זאל אויספיהרען איהר ארבייט ווי געהעריג, ארויסוויזענדיג אזא העפליכקייט און קאָרעקטע בעציהונג וואס עס ענטשפרעכט און וואס מען פערלאָנגט פון אָ סאלידע פירמע.

עס איז נאך מעהר פערדריסליך, וואס אויף אזא אופן גרינגשעצען א א קליענט ערלויבט מען זיך אין א צייט, ווען מענשען ווייזען ארויס די גרעסטע בעגענזייטיגע דאַנקבארקייט, ווען מ׳גיעט זיי צו טוהן און מען בעצאהלט זיי די געפאדערטע פרייז מיט כבוד אהן צעגערונג און אָהן גרינגשעצונג.

**י. ווייסבארד**


TRIUMFALNY




sztywnych białych kołnierzy

OPUS

najelegantszy kołnierz

„Kto chce długo żyć powinien się w wannach ADLERA myć".

צו דער ראדאָמער בעפעלקערונג!

די לאנג - יעהריגע און גוט - בעקאנטע **אדלערס וואננעס וואַל 5**

זענען אָפען יעדען טאָג.

סאָלידע בעהאַנדלונג. צוגענגליכע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך!

ZAKŁAD KRAWIECKI

**CH. GUTMANA**

Radom ul. Focha 1 lub. Zeromskiego 33

przyjmuje zamówienia na ubiory z własnych i powierzonych materjałów. Ceny bardzo przystępne.

Robota solidna — Przyjdź i przekonaj się

Wkrótce ukażą się w sprzedaży opatentowane gilzy do papierosów

**„RENOMA"**

w pudełku - futerale

fabryki: **E. PASCHALSKI i S-ka**

ST. FELCZER

**S. CYMERMAN**

ul. Zeromskiego 3 tel. 12-80

udziela pomocy w dzien i w nocy

stale swieże pijawki

Kino ADRIA

שבת דעם 29 - טן 12 און 2 אז.
זונטאג דעם 30-טן 12 און 2 אז.

פריהמארגעז - פילמעז

צו ביליגע פרייזען

א שענע פילם-אָפּערעטקע

**Cissy**

מיט די זינגערין גראַצע מויר

נאר ביז זונטאג איינשל.

Kino ADRIA

דאָס אונשטערבליכע ווערק פון

**שעקספּיר**

**ROMEO i JULIA**

אין די הויפּט - ראָלען די בעריהמטע ארטיסטען

**נאָרמאַ שעהר, לעסליע האוואַרד**

איבער׳ן פּראָגראַם: די נייעסטע קלאַנג - צוגאבען

KINO APOLLO

שבת 3 אז. צו ביליגע פרייזען
טשארלי טשאפלין אין פילם
**היינטיגע צייטען**
איבער'ן פראגראם פ.א.ט. זונטאג ווערט ניט געשפילט
**מאנטאג א פילם אין נאטורעלע פארבן!**
רעזשי פון בעריהמטען ר. באלעסלאווסקי
**Ogród Allacha**
אין דער הויפט · ראל די בעריהמטע
**מארלענא דיטריך** און **שארלעס בויער**

KINO APOLLO

**נאר ביז זונטאג איינשל.**
דער נישט פערגעסענער „קאפיטאן בלאד"
**עלענאר פלין**
און די שענסטע פילם · ארטיסטין
**אליווא האליוואן**
אין דעם גרויסארטיגען פילם א. נ.
**Szarża lekkiej brygady**
איבער'ן פראגראם:
קלאנג · צוגאפען


# קאמוניקאט
## פון ועד הכשרות אין ראדאם

אויף די לעצטע זיצונג וואס איז פארגעקומען אין לאקאל פון היגען רב שליט"א מיט'ן אנטייל פון בד"צ, שוחטים, מנקרים און דער ועד הכשרות איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו די יודישע בעפעלקערונג מיט א עפענטליכען רוף און אפעל, או ביי דעם יעצטיגען כאאס וואס הערשט אין די ענינים פון כשרות · הבשר, וואס אונפעראנטווארטליכע פלייש-הענדלער פערקויפען בשר גבלה פאר כשר פלייש, און אויך האט זיך פערשפרייט אין אונזער שטאדט די „געהיימע שחיטה" — זאל יעדער אכטונג געבען צו קויפען פלייש נאר אין די יאטקעס וואס זענען בעשטימט צו דעם און אויך זאל יעדער אכט לייגען ביים קויפען כשר פלייש, צי עס איז גע-סטעמפעלט מיט א יודישע חתימה אייף וואקס. א רויטער קאליר וואקס בע-דייט אז דאס פלייש איז „גלאט כשר" און א גרינער קאליר איז נאר „כשר". די דאזיגע חתימות האבן מיר לעצטענס איינגעפיהרט. אויך ביי קויפען פיס, קישקעס, לונג, לעבער, צונגען א. ז. וו. זאל מען אכטונג געבען, צי עס געפינט זיך א חתימה אויף וואקס.

עופות זאל מען קויפען נאר אזעלכע וואס זענען פלאמבירט, און אויך זאל מען שיקען שחט'ן אין קהל'ס שחט-שטיבלעך. די זייטיגע „שוחטים" וואס שחט'ען אין געהיים, איז זייער שחיטה טרפה ונבלה.

מיר ווארנען בשם רתוה"ק, אז דער וואס וועט עסען פלייש, רינדס, קאלבס, אדער עופות וואס איז נישט פערזעהען מיט די אויבענדערמאנטע סטעמפלען, ווערט נכשל אין די איסורים: **טרפה, נבלה, חלב ודם,** און איז זיך מטמא מיט מאכלות אסורות!

מיר האפען אז די יודישע בעפעלקערונג וועט מיטהעלפען אונזער הייליגע אקציע אדורכצופיהרען להרמת קרן התורה והדת. —

### פארלויפיג זענען די דאזיגע כשר'ע יאטקעס

### אונטער השגחת הבד"צ:

1 מאיר צינגיסער וואהל 1
2 יחיאל ישעי' רוטמאן פלאץ יאגעלאנסקי האלע יאטקע נר 1.
3 יוסף אקערמאן פלאץ יאגעלאנסקי האלע יאטקע נר. 11
4 שמואל האספאן סלאוואצקי 48
5 יצחק רובינשטיין סלאוואצקי 95
6 ישעי' שטריימאן 1-טער מאי 37
7 אברהם ווייסבארד פאשא (זגאדנע) 1

## הרב והב"צ שוחטים, מנקרים ונאמנים ועד הכשרות בראדאם.

באמערקונגען:

1. וועגען וואורשטען און געריכערטע פליישען, וועט ווערען ארויס-געגעבען א ספעציעלער קאמוניקאט.
2. אין אלע ענינים וועגען כשרות קען מען זיך ווענדען אין קאנצע-לאריע פון הרב דפה (זשעראמסקי 7) צו יעדער צייט.
3. יעדער וואס וועט במזיד נוצען טרפה פלייש אדער פון זייטיגע שוחטים וועט זיין נאמען ווערען פערעפענטליכט בכדי מען זאל נישט נכשל ווערען.


**Kino CZARY**

גרויסער פערדאפעלטער פראגראם!

1. א ערשטקלאסיגער פילם
**TANGO ZAKOCHANYCH**
אין דער הויפט-ראל די בעקאנטע
מאדגע עוואנס
ראבערט מאנטגאמערי

2 א שענע ווינער קאמעדיע א.נ.
**miłostki wiedeńskie**




Zastępca M. CUKIERMAN Kielce
Warszawska 14.

Najlepsze, najmilsze i najtańsze prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
**kuchenki żelazka grzejniki do rurek, poduszki i inne.**
Do nabycia na dogodnych warunkach
**w Radomskiem Towarzystwie Elektrycznem**
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

**„STYL"**
**פריערהאנגען,**
**קאפעס, ראלעטען, א. ד. גל.**
צו בעקומען
**ראדאם מ. רעיא 23 (פריהער שפאציר גאס)**
פרייזען צוגענגליכע

פארבער!!
כעמישע פראלניע און וועש
**M. CICHOŃ**
Centrala: RADOM, Rwańska 23.
Filje: RADOM, Słowackiego 25
„ SKARŻYSKO Staszyca 18
„ Wierzbnik Starachowicka 36
רעעלע ארבייט!
קאלנער צו 15 גר.
נעמט אן צו וואשען: מענער, דאמען און קינדער-קליידונג
נעמט אויך אן צו פיצען:
פוטערנע קורטקעס, קאפעלושן, הענטשקעס,
פלוש, סאמעט, מעבעל · גאבעליז און דיוואנען.



TARYFA OGŁ.: Na 1-szej stronie 1 mm 1 szp. 40 gr.
w tekscie 1 mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. 1 mm 1 szp. 25 gr.
1-sza i ostatnia strona liczą 8 szpalt.

פאר א חודש אין פוילען 1 זלאט
אין פראנקרייך, בעלגיען 4 פראנק
אין אנדערע לענדער 30 סענט
אבאנאמענטס פרייז:

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC. tel. 15-18 .טעל
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20